# מאָמענט

ב"ה, פרשת כי-תשא תשפ"ד • Issue #478
Moment Magazine • March 1, 2024




## ראָזעטאָ שטיין

פראנצויזישע **ארכעאלאגן אונטער צאר נאפאליאן** אנטדעקן דעם ראזעטא שטיין אין מצרים, וואס העלפט **דעשיפרירן די געהיימע כישוף שפראך פון אלט-עגיפטן**



# טאטי, נעם מיך אהיים!

ביי א רירנדער באגעגעניש צווישן העלדישע טאטע און זון, **הרה"ח ר' סענדר ובנו יודא לייב פון קרית יואל**, וויקלט זיך אויף א הארצרייסנדער געשיכטע פון **והשיב לב אבות ובנים**

NYC/NJ $7.99
Canada $8 London £7
Belgium €9 E. Yisroel ₪42

## ווער גייט געווינען די 2024 וואלן?

**פראפעסאר אלען ליכטמאן** האט אוועקגעשטעלט א פארמולע פון **דרייצן שליסלען וויאזוי פאראויסצושאצן ווער ס'וועט געווינען פרעזידענטשאפט**, מיט א הונדערט פראצענט סוקסעס ראטע די לעצטע פערציג יאר



# טאטי, נעם מיך אהיים!



בײ א רירנדער 'קשר נפשי' באגעגעניש צווישן העלדישע טאטע און זון, **הרה"ח ר' סענדר ובנו יודא לייב** פון קרית יואל, וויקלט זיך אויף א **הארצרייסנדער געשיכטע פון והשיב לב אבות ובנים**

**אברהם חיים ברוין**

שאט-די-דאט, הערש ראזנער

ד

ער אדרעס צו וואו מיר צילן פירט אונז צו דער דינוב גאס צו א טיפישער קרית יואל'ער קאנדאו געביידע. דא קומען מיר צו דער אויסערארדנליכער אינטערוויו וואס מיר וועלן היינט אפהאלטן מיט הרה"ח ר' סענדער, מחשובי חסידי סאטמאר אין קרית יואל, און זיין חשובן זון הבחור יודא לייב. 'פונדרויסן זעט מען גארנישט ספעציעל', טראכט איך צו זיך אנקלאפנדיג אויף דער האלצערנער טיר, 'אבער אינעווייניג ערווארט מיר א שטורעם פון געפילן'.

"פאראורטייל נישט א בוך לויט זיין דעקל", ציטירט ר' סענדער דאס באקאנטע ענגלישע שפריכווארט פילצאליגע מאל אינמיטן אונזער שמועס, זיך באציענדיג צו דער לויטערער נשמה וואס נעסטעוועט אין יעדן אידיש קינד, נישט קיין אונטערשייד אויף זיין אויסזען אדער אויפפירונג – א הייליג ווארט וואס איז פון די הויפט יסודות פון אונזער היינטיגע רירנדע באגעגעניש פון טאטע און זון.

> **"א יונגער בחור וואס מ'האט געטראסקעט איז נישט סחורה וואס א ראש ישיבה וואלט וועלן געוואלט פאר זיין ישיבה"**

"אלעס האט זיך אנגעהויבן ווען יודא לייב איז געווען פערצן יאר אלט", וויקלט ר' סענדער אויף די זכרונות ווען טאטע און זון טוישן אויף א באדייטפולן בליק צווישן זיך. "מיר זענען געווען א געוועגליכע קרית יואל'ער פאמיליע, און מיר זענען געווען פרייליך אז יודא לייב הייבט אן צו גיין אין ישיבה קטנה, האפנדיג און בעטנדיג צום אויבערשטן אז ער זאל מצליח זיין און אויסוואקסן אן ערליכער איד.

"יודא לייב האט ב"ה א גוט קעפל אויף זיינע פלייצעס, און א טיפער טראכטער איז ער שטענדיג געווען, און די צוויי זאכן אינאיינעם האבן אים געברענגט אריינצוקלערן און דורכטון פארשידענע זאכן און אויסגעפינען נייע סארט מושגים. ס'איז נישט אריבער קיין קורצע צייט און די הנהלה האט אים געוואלט ארויסזען פון ישיבה".

**יודא לייב:** אריינגיין אין ישיבה קטנה איז געווען פאר מיר אן אינטערעסאנטע און געשמאקע ערפארונג. פון איין מינוט אויף דער צווייטער בין איך געווארן "גרויס". אנשטאט א קליין אינגל בין איך מיטאמאל געווארן אנגערופן "בחור", וואס האט מיר שטארק געשמעקט.

זייענדיג א טיפער טראכטער, האט מיר נאר איין זאך געוואונדערט, איך האב נישט געקענט דערגיין גענוי וואס האט פאסירט אז איך בין טאקע יעצט אנדערש ווי פריער. אינעווייניג אין מיר האב איך נישט געשפירט א געוויסן טויש וואס זאל מיר געבן דעם רעכט צו שפירן אז איך בין טאקע די פרישע בריאה וואס הייסט "בחור". אין א געוויסן פלאץ אין מיין מח האט זיך געשטעלט א הנחה וואס האט מיר שפעטער געפארעמט מיין לעבן אין גענצליך אן אנדערע דירעקציע, אז ס'איז נישט ווער איך בין באמת, ס'איז וואס מען גלייבט אויף מיר אז איך בין.

א קליינע דוגמא דערצו איז געווען, ווען אין ישיבה האבן עטליכע בחורים געמאכט א פייער כדרכם של יונגע בחור'לעך, איך בין פונקט פארבייגעגאנגען דארט אין דער נישט ריכטיגער מינוט, פונקט ווען איינער פון די איינגעשטעלטע אין ישיבה איז אנגעקומען צו כאפן די צינדערס. מען האט מיר חושד געווען אין דעם פייער און מען האט מיר אריינגערופן אין אפיס. מען האט מיר געהייסן אויספאקן די טאשן, ווען צווישן די אוצרות וואס זענען ארויסגעקומען פון מיין קעשענע איז געווען א צינדער.

דער חשד וואס איז געווען אויף מיר איז תיכף באשטעטיגט געווארן מיט דעם געפינס, און איך האב געדארפט ברענגען א סכום געלט פאר קנס.

דעמאלט האט מיר דער געדאנק נאכאמאל געבאכעט אין קאפ: ס'איז נישט ווער דו ביסט, והא ראיה אז איך האב דעם פייער קיינמאל נישט אונטערגעצינדן, ס'איז פשוט וואס מ'גלייבט אויף מיר.

## אריין און ארויס

"יודא לייב מיט זיין גוט קעפל, אינאיינעם מיט דעם אז ער איז נישט געווען שטענדיג פארנומען, האט צוגעפירט צו פארשידענע פראבלעמען, וואס האט עווענטועל צוגעפירט אז ער האט זיך פארפלאנטערט מיט די איינגעשטעלטע פון ישיבה און זאכן האבן אנגעהויבן נישט טויגן.

"די הנהלה פון ישיבה האט געוואלט ארויסזען יודא לייב פון דארט", רעדט ר' סענדער איבער יענע ראשית עננים'דיגע צייטן מיט אכט יאר צוריק. "דער רבי שליט"א דא אין קרית יואל איז געווען טיף אריינגעמישט אין דעם ספעציפישן פאל פון אונזער טייערער יודא לייב, דעם רבינ'ס חוות דעת איז גראדע געווען אז מ'זאל יודא לייב זען צו האלטן אין ישיבה פאר יעדן פרייז, ער איז אסאך געזעצן פריוואט מיט יודא לייב און זיך מיט אן אויסטערלישער איבערגעגעבנקייט אריינגעלייגט אין זיין מצב. למעשה, איז ער ענדגילטיג אנגעקומען אינדרויסן, און ס'האט זיך אזוי אויסגעשטעלט אז צוליב אפאר יחידים האט ער געדארפט גיין זוכן א צווייטע ישיבה.

"גיין זוכן אן אנדערע ישיבה איז געווען אן אפקומעניש", צעקרעכצט זיך ר' סענדער, "א יונגער בחור וואס מ'האט געטראסקעט איז נישט סחורה וואס א ראש ישיבה וואלט וועלן געוואלט זען אלס דעם ערשטן אויסוואל פאר זיין ישיבה, אבער ב"ה, עווענטועל איז ער געווארן אנגענומען און אנגעהויבן לערנען אין ישיבה 'תלפיות' אין מאנסי".

**יודא לייב:** פון תלפיות האב איך נאר גוטע זכרונות, איך האב געלעבט דארט אויף אלע באקן... די ישיבה איז געווען א גוטער אויסוואל פאר מיר, די געשמאקע סדרי הלימודים, דער געלונגענער שטאב, די אייגנארטיגע אויר, אינאיינעם מיט דער ווארעמקייט פונעם ראש הישיבה רבי שמעון סעמפ, האבן איבערגעלאזט א געוואלדיגן אימפאקט אויף מיר.

**ר' סענדער:** אזיווי הלפיות איז אוועקגעשטעלט נאר פאר א ישיבה



**לב אבות ובנים.** ביי אונזער רידנדער באגעגעניש צווישן טאטע און זון אין זייער שטוב אין קרית יואל

קטנה, דעריבער ווען ס'איז געקומען צו די צייטן פון די העכערע צענערלינג יארן ווען מ'גייט אריין אין ישיבה גדולה, האט מען געברויכט אנהייבן פונדאסניי זוכן א ישיבה.

דא האט זיך ווידער אנגעהויבן א מסכת פון גיין טרעפן א פאסיגע ישיבה, וויבאלד די לאקאלע קהל'ישע ישיבות אין קרית יואל זענען נישט געווען קיין אפציע. נאכן זוכן א שטיק צייט, איז ער ב"ה געווארן אנגענומען אין א גוטער ישיבה אין לעיקוואד, און ער האט אנגעהויבן דעם נייעם זמן מיט א פרישקייט, אין דער צייט וואס מיר עלטערן שטייען מיטן תהלים'ל אין די הענט ארויסקוקנדיג מיט האפענונג פאר יודא לייב'ס הצלחה ברוחניות ובגשמיות.

**יודא לייב:** די ישיבה אין לעיקוואד איז געווען געמאכט פאר בחורים פון ליטווישע שטיבער וועלכע האבן נישט געקענט געהעריג טרעפן זייער פלאץ אין די געוועונליכע ליטווישע ישיבות צוליב סיי וועלכער סיבה. אזוי האב איך – א סאטמארער בחור פון קרית יואל – געטראגן כאטש איין ענליכקייט פון צווישן אלע ליטווישע בחורים: דער פאקט אז איך קען זיך אויך נישט ארייננפאסן אין דער סביבה וואו איך בין אויפגעוואקסן.

איך געדענק אז אין ישיבה האט מען נאר גערעדט ענגליש, עפעס אין וואס איך בין נישט געווען אזוי באהאוונט. דער ראש ישיבה דארט האט מיר געברענגט די גליונות "באר הפרשה" פון רבי אלימלך בידערמאן שליט"א אויף ענגליש, אז אזוי זאל איך מיך קענען אויסלערנען אביסל די שפראך.

אין פאקט איז די ישיבה געווען א מאסף לכל המחנות פאר בחורים פון אלע מיני קרייזן, נישט נאר ליטווישע. עס זענען געווען דארט א שיינע פאר חסידישע בחורים אזוויי מיר, און איך האלט נאך אן קשר מיט מיינע חברים פון דארט ביז היינט.

דאס האט אין מיר פארשטערקערט מיין שוין-פון-פ״יערדיגע הנחה אין קאפ אז ס'איז נישט דוקא וואס מ'איז, נאר ס'איז דאס דרויסנדיגע שפיל וואס מ'שטעלט אן, דען טעכניש בין איך געווען א ליטוואק דעם גאנצן טאג מיט מיין אויפפירונג און שפראך, אבער פונדרויסן בין איך ווייטער געווען א נארמאלער חסידישער בחור, גייענדיג שבת מיט די בעקיטשע און ביבער הוט.

## וירק את חניכיו

"דורכאויס די אלע בחור'ישע יארן פון יודא לייב, פון די פערצן ביז די אכצן יאר, האב איך אסאך פרובירט זיך צו לערנען די ריכטיגע כלי חינוך", שילדערט ר' סענדער ווי ער האט נישט צוגעטראטן צו דער סיטואציע פון זיין יודא לייב מיט א לייכטזיניגקייט. "אינאיינעם מיט מיין חשובע בני בית זענען מיר שטענדיג געווען הונגעריג צו הערן נאך און נאך ווירקזאמע עצות. מיר האבן פארשטאנען אז יודא לייב איז אנדערש, און מיר דארפן אויסטרעפן דעם וועג וויאזוי ריכטיג צוצונייגן אן אויער צו זיין נשמה.

"אין יענע יארן בין איך געגאנגען גאר אסאך צו די בארימטע שבתים פון קרבתנו", דערמאנט ר' סענדער איינער



**הארץ צו הארץ.** ר' סענדער ובנו יודא לייב מיט הצדיק רבי גדליה מיללער און הרב שמעון ראססעל ביים גרויסן שבת פון 'קשר נפשי'

פון די קוועלער פון וואו ער האט זיך אנגעשעפט מיט ראט און טיפס, "איינער פון די עיקר ענינים אויף וואס די דרשות און שיעורים ביי קרבתנו זענען פאקוסירט, איז אויף חינוך הבנים, וואס דאס איז געווען די עיקר נושא וואס האט אונז געשלעפט אהין, און מיר האבן קונה געווען גאר אסאך פון די הייליגע שבתים.

"דארט ביי קרבתנו האב איך באגעגנט הצדיק רבי גדליה מיללער וואס האט מייסד געווען די הייליגע ארגאניזאציע 'קשר נפשי'", פארציילט ר' סענדער א דעטאל וואס וועט שפעטער מאכן א מהפיכה אין זיין לעבן, "אייגנטליך האבן מיר זיך שוין געקענט נאך פון פריער, ווען מיר פלעגן טון ביזנעס אינאיינעם. ווען ר' גדליה האט געהערט וועגן אונזער יודא לייב, האט ער מיר אנגעטראגן צו קומען צו א ספעציעלן שבת וואס ער פלאנט צו מאכן ערשטמאליג פאר אזעלכע סארט עלטערן. יענער שבת איז טאקע געווען דער ערשטער 'קשר נפשי' שבת, ווען די ארגאניזאציע איז נאך געווען אין די פריע אנטוויקלונג שטאפלען.

"ווען ר' גדליה האט מיר גערופן צו דעם שבת, האב איך עס אבער קאטעגאריש אפגעווארפן. איך האב געלעבט היפש אביסל אין פארלייקענונג, און איך האב שארף קלארגעשטעלט פאר ר' גדליה אז אזעלכע שבתים זאל ער מאכן פאר אנדערע און נישט פאר מיר. "דו מאך דיר דיינע שבתים, און לאז מיר צורו", האב איך אים געזאגט, און ער האט מיר פארשטאנען. איך האב נישט געקלערט אז איך דארף טוישן מיין גאנצער צוגאנג צו חינוך בכלל, איך האב בארואיגט מיין געוויסן מיט דער טענה אז וויילאנג קיינער ווערט נישט געוואויר געגוי וואס עס גייט פאר און ער גייט נאך מיט דער פולער חסידישער טראגע, איז אלעס מער וויינגער מסודר".

## א בחור וואס ראנגלט זיך

אין לעיקוואד האט זיך אנגעפאנגען א פרישן שווארצן קאפיטל אין זיין יונג לעבן, ווי יודא לייב שילדערט אונז אפנהארציג: דאס גאנצע גיין אין ישיבה אין לעיקוואד איז מיר מתחילה נישט געווען צו שטארק צום הארצן. דעמאלט האט זיך אנגעהויבן א זוכעניש נאך עפעס, די סארט "עפעס" וואס מ'קען נישט אנטאפן. איך האב זיך געטראפן ארומוואנדערן אין מבואות האפילות פונעם אינטערנעט, ווען איך האב אפילו נישט געוואוסט וואס איך זוך.

יענע תקופה ליגט אין מיין זכרון ווי א נעפל. די גאנצע צייט האב איך געשפירט ווי איך שפיל איין גרויסע שפיל פון פעלשעווען. אין יענער צייט האב איך געשפירט ווי מיין מח זאגט מיר אומאויפהערליך: "גיי אן מיט דעם שפיל, אלעס איז נאר חיצוניות".

פון קריכן אין בלאטעס איז עס אריבער צו געווירצן און אנדערע שעדליכע ענינים, ביז איין טאג האט מיר דער ראש ישיבה אריבערגערופן צו זיין אפיס און געוואלט כאפן א שמועס מיט מיר.

ביי דעם שמועס האט מיר דער ראש ישיבה – וועלכער איז אגב א מומחה עצום אין פארשטיין די נפש פון א בחור – אויסגעפרעגט מיינע צילן אין לעבן און וואו געגוי איך וויל אנקומען. געפרעגט

האט ער עס מיט אן אויפריכטיגער אינטערעסע און הארציגקייט, מיט אן אמת'דיגן געפיל, זארגנדיג אז איך זאל זיין אויפן ריכטיגן וועג. איך האב אים געזאגט אז איך וויל גיין אין אוניווערזיטעט, און ער האט מיט מיר צענומען אלע פרטים דערפון צו זען אויב איך קען נאך בלייבן אין ישיבה און גלייכצייטיג זיך לערנען צו ווערן א פראפעסיאנאל און צום סוף איז געבליבן אז ישיבה און אוניווערזיטעט גייען נישט אינאיינעם.

דער ראש ישיבה האט מיר קלארגעשטעלט אז פון זיין זייט קען איך בלייבן אין ישיבה, אבער פאר מיין טובה וועגן און פאר מיין תכלית זאל איך מאכן א באשלוס וואס איך וויל טון מיט מיין לעבן. עווענטועל האב איך געמאכט א באשלוס ארויסצוגיין פון ישיבה.

**ר' סענדער דערמאנט זיך יענע פארוואלקנטע טעג:** ווען יודא לייב איז אהיימגעקומען פון דער ישיבה אין לעיקוואד מיט זיין רענצל, דאסמאל שוין אויף אייביג, האט זיך די וועלט שיעור צוזאמגעלייגט פארנט פון אונז. אויף דער פראגע וואס ער פלאנט צו טון יעצט, האט ער געענטפערט אז ער וויל גיין אין אוניווערזיטעט. איך האב געשפירט ווי איך טראג עס נישט אריבער.

**יודא לייב:** איך האב קיין סאך נישט געוואוסט אפילו וואס גיין אין אוניווערזיטעט מיינט, אבער דאס איז מיר אריין אין קאפ און איך האב עס געוואלט דורכפירן. איך האב מיך גענומען מאכן ריסוירטש און געפרעגט וועמען איך האב נאר געקענט וויאזוי די פראצעדור גייט צו. פארשטייט זיך אז קיינער האט מיר נישט געקענט ענטפערן.

איין ענטפער וואס איך האב יא געקענט באקומען פון יעדן איינעם, איז געווען: געלט. צו סיי וועמען איך האב נאר גערעדט האט מען מיר קלארגעשטעלט אז דאס גייט אפקאסטן ממון ודמים.

נו, איז מ'דארף געלט, דארף מען דאך גיין ארבעטן. האב איך דאן אנגעהויבן ארבעטן ביי מיין מומע.

**ר' סענדער:** ווען יודא לייב האט אנגעהויבן ארבעטן ביי זיין מומע, איז דער מצב מיט אים שוין געווען היפש פויגלדיג. דער אטמאספער אין שטוב איז געווארן אן אנגעצויגענער, ווייל ווען דער טאטע איז אנגעצויגן איז ער משפיע אויף דער גאנצער שטוב. די קאמוניקאציע מיט יודא לייב איז געווארן אנגעשטרענגט, וואס איך האב געזאגט האט ער געזאגט פארקערט, אויב האב איך געזאגט יא, האט ער געזאגט ניין, און יעדע זאך איז געווארן א שטרייט.

**יודא לייב:** ביי מיין מומע האב איך געארבעט מיט קינדער און בחורים מיט ספעציעלע געברויכן, זיי האבן מיר גערופן "מגיד שיעור". די גאס האט אויבנאויף פון גארנישט געדארפט וויסן.

ארבעטנדיג מיט אזעלכע קינדער, האב איך זיך געדארפט צולערנען ספעציעלע מהלכים און טעכניקן וואס א מיטהעלפער צווישן אזעלכע קינדער ברויך קענען. דעמאלט איז געווען דאס ערשטע מאל וואס איך האב זיך באגעגנט בכלל מיט דער נושא פון פסיכאלאגיע, א זאך וואס איך האב עווענטועל אנגעהויבן זיך אריינצוטון דערין.

## וזרח השמש ובא השמש

"טראצדעם וואס די סיטואציע האט נישט געקלאפט, מילד גערעדט, דאך האט קיינער גארנישט געקענט אנזען פונדרויסן. שבת קודש איז יודא לייב ווייטער געגאנגען מיט דער פולער טראגע ווי אלע קרית יואלער בחורים גייען. די איינציגסטע זאך וואס אנדערע וואלטן אפשר געקענט באמערקן, איז אז ער איז געווען אפיציעל א "ווארקינג בוי", ארבעטנדיג ביי דער מומע'ן.

"דאן איז אנגעקומען יענער ערב פסח, און יודא לייב האט שוין נישט געקענט פארנעמען מער. בדיקת חמץ ביינאכט האט ער אפגעטראגן קיין פלארידע.

"איך בין געווען צעשאקלט ביז גאר, איך דארף אייך נישט צופיל מסביר זיין וויאזוי יענע פסח ביינאכט ביים סדר האט אויסגעקוקט. מיר האבן זיך זייער געזארגט פאר אים, די הערצער אונזערע זענען אויסגעגאנגען פון בענקשאפט און ווייטאג אינאיינעם, טראכטנדיג פון אונזער געליבטער זון".

**יודא לייב נעמט איבער:** אין יענער תקופה האב איך געשפירט ווי מיין לעבן איז נישט אויף די ריכטיגע רעלסן, צופיל זאכן האבן פאסירט אויף איינמאל, און איך האב געשפירט ווי איך דארף פשוט א קורצן איבעררייס, איך וועל גיין קיין פלארידע פאר א חודש צוויי, אריינקלערן וועלכע שריט איך וויל נעמען, און נאכדעם צוריקקומען.

אבער ביני לביני אין פלארידע האבן זאכן זיך אנגעהויבן קייקלען בארג אראפ. דארט האבן מיינע פאות געמאכט זייער וועג אראפ פון מיין קאפ און אריין אין מיסט-קאסטן.

**ר' סענדער שילדערט יענע שווערע חדשים:** "יודא לייב האט ווייטער אנגעהאלטן קשר מיט אונז דורכאויס דער גאנצער תקופה, און געהאלטן אין איין זאגן ער וויל אהיימקומען, ער וויל אהיימקומען, אבער למעשה האב איך אים נישט ערלויבט צוריקצוקומען. אין די פאר חדשים וואס ער איז דארט געווען, האב איך פארשטאנען אז ער האט געמאכט פארשידענע שינויים אין זיין לבוש, און אין זיין גאנצער אויסזען בכלליות, און איך האב אים נישט ערלויבט צוריקצוקומען.

"דו דארפסט פארשטיין די שוועריקייט", געבט ר' סענדער א טיפע קרעכץ דערמאנענדיג די גרויע תקופה, "איך וואוין אין א 'קאמיוניטי' ארומגענומען מיט פריינט און באקאנטע, און אהיימלאזן יודא לייב האט געפאדערט אויסנאמע קוראזש פון מיין זייט.

"נאכדעם איז צוגעקומען דער פאקט אז די באשלוסן האב איך נישט געמאכט אויף דער אייגענער האנט, איך האב זיך דורכגערעדט פארדעם מיט מיינע דיינים און רבנים. יעדער דיין האט געהאט ◄

**"טראצדעם וואס די סיטואציע האט נישט געקלאפט, מילד גערעדט, דאך האט קיינער גארנישט געקענט אנזען פונדרויסן"**

אנדערע פארשריפטן, איין דיין האט געזאגט נאר מיט א קאפל, א צווייטער דיין האט געזאגט נאר מיט דעם פולן לבוש. ווייניג האב איך געוואוסט דעמאלט אז איך פרעג די נישט ריכטיגע מענטשן, און אזעלכע סארט שאלות דארף מען פרעגן פון אזא סארט דיין וואס האט מומחיות אין דער ספעציפישער הייקעלער סוגיא פון תורת הנפש, און פארשטייט די טיפקייט פון די סארט נשמות.

"איך האב מיך געהאלטן שטייף מיט מיין מיינונג, און אז דער דיין זאגט נישט אהיימנעמען, פאלגט מען! אין מיין מח האט גערעדט א געוויסער סארט נאראטיוו פון 'ביסט דיך געגאנגען קיין פלארידע, ווילסט נישט אויסקוקן ווי אונז, נו נו, זיי מוחל און בלייב דארט! מ'וועט דיר צוריקנעמען ווען דו וועסט דיך צושטעלן'.

"אזוי איז אריבער א גאנצער זומער, ס'איז אריבער א שבועות און א חודש אלול, שפעטער איז נאכגעקומען גאנץ חודש תשרי מיט אירע ימים טובים, און אונזער טייערער יודא לייב איז נישט געווען מיט אונז. דאס הארץ פון א טאטע

> **דער רבי האט זייער געוואלט וויסן גענוי וויפיל חסידישע בחורים אזויווי מיר דרייען זיך דא אין פלארידע**

מאמע קענען דאס קוים אריבערטראגן. וויפיל משפחה און גוטע פריינט האבן פרובירט צו אינטערוועניִרן און זיך איינ'טענה'ן מיט מיר, בין איך אבער געווען פעסט מיט מיין מיינונג, מיט א זיכערקייט און א קלארקייט, אז דאס קינד קומט נישט אהיים אזוי! איך האב דעת תורה מיט מיר אויף מיין זייט.

"אין איינעם פון די מיטעלע כסלו טעג הארט איידער חנוכה, איז מיין ארבעטסגעבער צוגעקומען צו מיר, ער האט מיטגעהאלטן די גאנצע שטורמישע תקופה און אלע אירע שוועריקייטן, און ער האט מיר געזאגט: 'סענדער, אפשר דאך כאפסטו א שמועס מיט דיין אלטן פריינט גדליה מיללער, ער האט דאך אן ארגאניזאציע אויף דער נושא, אפשר דאך וועט ער דיר קענען העלפן'. איך בין געווען גאנץ קנאפ אינטערעסירט, איך ווייס דאך גענוי וואס צו טון... ער האט מיר אבער צוגעשטופט און געמוטיגט כאטש צו כאפן א שמועס מיט אים.

"אן עצה פון א גוטן פריינט האב איך נישט געקענט אפזאגן, האב איך אנגערופן ר' גדליה'ן פרעגן ווען מ'קען אריבערקומען. ר' גדליה האט זיך פונקט דעמאלט צוריקגעקערט פון א קשר נפשי נסיעה אין מעזיבוש, אבער דאך האט ער געמאכט צייט פאר אונז און געזאגט אז מיר זאלן אריבערקומען צו אים אין שטוב אום צען אזייגער ביינאכט.

"אינאיינעם מיט מיין ב"ב האבן מיר געמאכט דעם וועג פון קרית יואל קיין בארא פארק צום הויז פון ר' גדליה, ווייניג האבן מיר געוואוסט וואס צו ערווארטן דארט, אבער אריינקומענדיג אין שטוב האט זיך תיכף אנגעהויבן א העפטיגע דיסקוסיע.

"איך קען דיר צוזאגן", זאגט מיר ר' סענדער, "אז דו וואלטסט נישט געוואלט זיין אין דעם דיינינג רום בשעת יענער זיצונג. מיר זענען געזעצן פון צען אזייגער ביינאכט ביז קרוב צו צוויי אזייגער פארטאגס, די געשרייען זענען געווען אויף הויכע טענער.

"ר' גדליה האט מיר געזאגט: 'דו פארסט יעצט קיין פלארידע, דו נעמסט אפ דיין זון, און דו ברענגסט אים אהיים! זאל זיין וואס זאל זיין'. אויף יעדער טענה וואס איך האב נאר געוואלט ארויפברענגען האט ער מיר געהאט א פארטיגע תשובה געבויט אויף פסקים פון רבנים, און פון פריערדיגע ערפארונג מיט אזעלכע סארט פעלער.

"יענער שמועס איז געווען אויף א מיטוואך, דאנערשטאג האבן מיר שוין געהאט טיקעטס קיין פלארידע וואו מיר האבן געפלאנט צו פארווילן אויף א שבת אינאיינעם מיט אונזער יודא לייב".

## א רירנדע באגעגעניש

מיט קלאפנדיגע הערצער האבן מיר געלאנדעט אין פלארידע, די שפאנונג איז געווען גאר הויך. מיר האבן נאך זייענדיג אין ניו יארק אנגערופן יודא לייב און אים געלאזט וויסן אז מיר קומען אהין, און ער האט געזאגט אז ער וועט אונז אפווארטן.

איך האב נישט געוואוסט וואס צו ערווארטן. וואס וועל איך זען? וויאזוי וועט ער אויסקוקן? מיין ב"ב איז געווען מער אינפארמירט ווי מיר, זי האט שוין געהאט געזען בילדער פון אים, אין דער צייט וואס איך האב מיך פארמאכט די אויגן צו סיי וועלכן בילד וואס מ'האט מיר געוואלט ווייזן. אזויפיל האב איך קלאר געוואוסט, אז ער קוקט אויס אנדערש.

ר' גדליה האט אונז געזאגט: "ווען דו קומסט אן אין לופטפעלד און דו זעסט דיין זון – נישט קיין חילוק וויאזוי ער קוקט אויס און וויאזוי ער גייט אנגעטון – דו גיי צו, האלז אים און קוש אים ארום, און זיי פאר אים א ליבליכער טאטע.

וואס זאל איך דיר זאגן, ס'איז געווען שווער, זייער שווער. איך האב אים שוין נישט געזען פאר באלד א יאר, און אים זען אין אזא צושטאנד איז געווען זייער זייער שווער.

מיר זענען געגאנגען צום קאר רענטל, ארויסגענומען א קאר, און זיך ארויסגעלאזט צו אונזער געדינגענע דירה.

תיכף ווען מיר זענען אנגעקומען צו דער דירה, האט מיר א שווערע קאפווייטאג באנומען – ווארשיינליך צוליב די שווערע סטרעס וואס איך האב געהאט. איך האב איינגענומען עטליכע טיילענאל און זיך געגאנגען צולייגן, אין דער צייט וואס מיין ב"ב איז געבליבן אויף א גאנצע נאכט און פארברענגט מיט איר זון אפצומאכן אויף די אלע חדשים וואס מען האט פארפאסט.

די קומענדיגע אינדערפרי בין איך געגאנגען דאווענען אין ביהמ"ד קהל חסידים. איך געדענק ווי דער סאטמארער רבי שליט"א פון וויליאמסבורג, ביי וועמען איך האב געלערנט אלס בחור, האט זיך דעמאלט אויפגעהאלטן דארט אויף אפרו, און ער האט מיר געגעבן א ברייטן שלום עליכם און געפרעגט וואס איך טו דא, האב איך אים געזאגט אז איך האב א זון וואס וואוינט דא און איך בין געקומען צו



**אין טאטנ'ס ארעמעס.** טאטע און זון ביי אונזער רירנדער באגעגעניש פאר'ן 'מאָמענט'

אים. האט ער מיר אנגעוואונטשן, "דער אויבערשטער זאל העלפן ס'זאל זיין והשיב לב אבות על בנים".

למעשה, שבת אינדערפרי, איז יודא לייב געקומען אין שול צו שחרית, און ער איז נישט געקומען אנגעטון ווי א קרית יואל'ער אינגל, נאר ווי א ריכטיגער פלארידע בוי, איך האב מיך זייער געשעמט, און דער רבי האט שוין פונקטליך פארשטאנען וועלכער זון עס וואוינט אין פלארידע...

נאך מעריב מוצאי שבת, האט מיר דער רבי צוגערופן און געכאפט א שמועס מיט מיר. ער האט מיר זייער צוגעשטופט אז איך זאל אהיימנעמען יודא לייב, און פאר באלד א דריי-פערטל שעה האט ער אריינגעארבעט אין מיר צו טוישן מיין בליק אויף אים. ער האט אבער נישט קיין סאך אויפגעטון, איך בין נאכנישט געווען אנטשלאסן אז איך נעם אים אהיים.

שפעטער ווען איך בין אנגעקומען צוריק צו אונזער גדינגענע דירה, האט מיר יודא לייב געפרעגט וואו איך בין געווען, האב איך אים געזאגט אז איך האב געכאפט א שמועס מיט מיין ראש ישיבה ביי וועם איך האב געלערנט אלס בחור, האט ער מיר געזאגט אז ער וויל אויך אריינגיין צום רבי'ן און כאפן א שמועס. פיין, דעם קומענדיגן טאג האבן מיר אנגעפרעגט דעם רבי'ן דערוועגן, און דער רבי האט געזאגט אז ער זאל אריבערקומען.

**יודא לייב:** מיין שמועס מיטן רבי'ן האט געדויערט אנדערטהאלבן שעה. דער רבי האט זייער גוואלט וויסן גענוי וויפיל חסידישע בחורים אזוי ווי מיר דרייען זיך דא אין פלארידע און ציען זייערעווארצלען צו היימישע פאמיליעס אין ניו יארק.

דער רבי איז גוט באקאנט מיט דעם מציאות, ער האט פונקטליך פארשטאנען וואס ס'גייט פאר אויף די גאסן, און מיט א מורא'דיגן רעספעקט האט ער מיר אויסגעהערט און געוואלט וויסן וואס איך האלט אז מ'קען טון מער אין די היימישע מוסדות צו באהיטן אז געשיכטעס פון אדיקציעס און אביוז זאלן זיך נישט אזויפיל איבערשפילן.

איך האב פארציילט פארן רבי'ן אז מיין ציל איז צו ווערן א ספעציאליסט אין מענטל העלט, צו העלפן די בחורים וואס מאטערן זיך מיט די זעלבע שוועריקייטן ווי מיר. דער רבי האט מיר אויסגעהערט מיט אינטערעסע און געזאגט: "אזא איינער ווי דיר דארף טאקע זיין א ספעציאליסט, ווייל דו קענסט באמת פארשטיין די נפשות פון די קינדער..."

שפעטער האט דער רבי אריינגערופן אויפן טעלעפאן איינער פון זיינע חשובע זין, און אים געהייסן אויסהערן וואס איך האב געהאט צו זאגן. דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט נאכדעם צו מיר, "א שאד אז מ'טוט נישט פיל מער איבער דער נושא פון מענטל העלט אין די ישיבות און אין די מוסדות".

דער רבי האט מיט מיר גערעדט איבער מיין זיידע הרה"ח ר' יודא לייב ז"ל, נאך וועמען איך הייס, וועלכער איז געווען א גרויסער כלל-טוער און ער פלעגט אסאך אויפטון פאר אידנ'ס וועגן. דער רבי האט מיר געזאגט, "פונקט ווי דיין זיידע האט אויפגעטון א געוואלד פאר אנדערע



**דעת תורה.** כ"ק אדמו"ר מאשוואר שליט"א ביי א טיש בבית מדרשו אין מאנסי

אידן, וועסטו אויך קענען אויפטון אלס ספעציאליסט און העלפן די אלע וואס מוטשענען זיך!"

## לך שוב

עטליכע טעג שפעטער האבן מיר זיך צוריקגעקערט קיין ניו יארק, אָן אונזער יודא לייב, מיטן פלאן אז ווען די צייט וועט זיין רייף וועלן מיר אים אהיימברענגען. און די צייט האט נישט געשפעטיגט צו קומען.

אין יענער תקופה האט דער באקאנטער אשווארער רבי שליט"א פון מאנסי – וועלכער האט א מורא'דיגע פארשטענדעניש אין די נושאים – געוויילט אין מיאמי פאר א קורצער צייט, און מיר האבן אים געבעטן א טובה אויב ער קען אביסל רעדן מיט יודא לייב.

דער רב האט נישט אפגעזאגט, און געכאפט א לענגערן שמועס מיט יודא לייב מיט אן אויסטערלישער צוגלאזנקייט און פארשטענדעניש. דאס האט זיכער געשפילט א גרויסע ראלע אין דעם צוריקקער פון יודא לייב.

**יודא לייב:** יענע צייט וואס איך האב מיך געטראפן מיטן אשווארער רבי'ן, געדענק איך אלס א טונקעלע צייט אין מיין לעבן. קוים וואס איך האב געוואוינט אין א געהעריגער דירה, ר' יונה לונגער, א גרויסער עסקן און טשאפלעין פון מיאמי, א צדיק פון א איד, האט געזארגט פאר מיר, און ער האט מיר געברענגט פון צייט צו צייט אביסל עסן אויף שבת צו מאכן.

ביי דער באגעגעניש מיטן רבי'ן, האט ער מיר זייער געשטופט צו מאכן כאטש קליינע טריפעלעך אין אידישקייט. "לייג כאטש תפילין יעדן טאג", האט ער מיר געבעטן, "וואס איז שוין שווער צו לייגן פאר איין מינוט תפילין?"

אבער איך, מיט מיין גאנצער ווייטאג, האב פרובירט צו ערקלערן אז ס'איז דא א זאך פון טראומא, און מ'דארף זיך ערשט היילן דערפון איידער איך קען גיין לייגן תפילין.

דער רבי מיט זיינעווארעמע אויגן האט מיר אנגעקוקט, און אנשטאט מוטשענען אדער אנשרייען האט ער בלויז צוגעשאקלט מיטן קאפ: "איך פארשטיי, איך פארשטיי", האט ער געזאגט ליבליך, "דו דארפסט טאקע ערשט זארגן אויף דיין געזונט...".

דער שמועס האט זיך געצויגן פאר צוויי-דריי שעה, אין וואס דער רבי האט מיר אויסגעהערט און מיטגעפילט מיט אן אמת'דיגער געטריישאפט און מיטגעפיל.

**ר' סענדער:** צוויי וואכן שפעטער, האבן מיר געשפירט ווי מיר, און די גאנצע פאמיליע ארום, זענען שוין גרייט דערפאר. מיר האבן אהיימגערופן יודא לייב, און אנגעגרייט א הערליכע אויפנאמע פאר אים מיט מתנות און געשאנקען, נאש און באלאנען, די גאנצע משפחה האט זיך געפרייט אז זייער טייערער ברודער קומט אהיים, טראצדעם וואס ער זעט טאקע אויס אנדערש.

דאן האט זיך אנגעהויבן אונזער רייזע, צו וואקסן און שטייגן אינאיינעם מיט אונזער יודא לייב. מיר האבן אנגעהויבן גיין צו די 'קשר נפשי' שבתים, און פרובירט זיך אויסצולערנען צו פארשטיין צו די ליכטיגע נשמות פון אונזערע קינדער.

אין אנהויב איז געווען זייער שווער צו גיין אויף די שבתים. דער ערשטער שבת וואו מיר זענען געגאנגען, האב איך אנשטאט מיטהאלטן די סעודות, געלעגן אין בעט מיט דעם תירוץ פון דעם "פלו" וואס איך האב געהאט עטליכע וואכן פריער. ווען נישט דער וואס האט אנגעפירט מיט די עסן במשכ'ן שבת, מיט וועמען איך האב געהאט א שטיקל באקאנטשאפט נאכן טון ביזנעס צוזאמען, ברענגט ארויף אביסל עסן צו מיין צימער, וואלט איך אונטערגעהונגערט דארט.

ברוך השם, געלויבט דער פון אויבן, מיר האבן היינט א געשמאקע אידישע שטוב, אינאיינעם מיט אונזער באליבטער יודא לייב, אונזער טייערער חשובער זון. מיר האבן אים שטארק ליב, און מיר זענען זיינע ליבליכע עלטערן נישט קיין חילוק וויאזוי ער קוקט אויס און וויאזוי ער זאל נאר זיין.

אונזער באליבטער יודא לייב בלייבט ער אייביג!

**יודא לייב:** איך בין זייער דאנקבאר פאר דער ארגאניזאציע 'קשר נפשי', איך האב פשוט צוריקבאקומען די וואונדערליכע זאך וואס הייסט: עלטערן. איך דארף אזוי וויכטיג האבן מיינע עלטערן, איך דארף זייער אויער און שטיצע צום לעבן, און יעצט האב איך עס ב"ה.

איך בין היינט א סטודענט אין לאנג איילענד און איך האב מיינע געטרייע עלטערן וועלכע שטייען אלעמאל צו מיין זייט און העלפן מיך מיט אלע מיינע געברויכן.

מיינע עלטערן שטיצן מיר אין אלע אומשטענדן. נישט לאנג צוריק האב איך געהאט א פארמעסט אינאיינעם מיט עטליכע פריינט. מיינע עלטערן זענען געקומען זיך באטייליגן ביי דעם פארמעסט מיטקלאטשנדיג מיט אייפער ווען מיין גרופע האט געמאכט פארשריט. גלייבט מיר, דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס מיינע עלטערן האבן זיך באטייליגט ביי אזא סארט פארמעסט, און אלעס פאר מיר, זייער באליבטער זון.

באמת האב איך אליין נישט געגלייבט אז איך וועל קענען מצליח זיין אבער איך האב זיך געשטופט דערצו און עס ב"ה באוויזן. איך דארף מאכן איבונגען טעגליך און אויפשטיין יעדן טאג פיר אזייגער פארטאגס. בכלל דארף מען האבן זייער א דיסציפלינירטער סדר היום. מיינע עלטערן האבן פאר דעם צוועק געלאזט אריינברענגען די נויטיגע מאשינען אז איך זאל קענען מאכן די איבונגען ווען איך בין אינדערהיים. וואס זיי טוען אלץ נישט פאר מיר...

## דעת תורה אין הלכות דיני נפשות

**ר' סענדער'ס געזיכט ווערט ערנסט:** איך שפיר פאר נויטיג ארויסצוברענגען זייער קלאר, דאס שטארקע געוויכט וואס מיר האבן געלייגט אנצופרעגן סיי וועלכע פראגע און ספק פון א דעת תורה.

אנקומענדיג צו קשר נפשי, האט מען אונז צוגעוויזן וועלכע רבנים פארשטייען מיט א געניטקייט צו די נושאים, און מיר רעדן זיך דורך מיט זיי אויף יעדן ריר. די רבנים וואס פארשטייען צו דער נושא מיט א גרינטליכקייט האבן עס זייער גוט און קלאר ארויס. נישט נאר דעם חלק ההלכה וויאזוי צוצוגיין דערצו מיט אן ערליכקייט אן זיך אוועקרירן פון דעם שולחן ערוך, נאר אויך די פראקטישע מציאות'ן ארום, שלום בית, די געשוויסטער און נאנטע ארום, און אזוי ווייטער.

איך מוז טאפלט אונטערשטרייכן די וויכטיגקייט פון א דעת תורה וואס זאל ארויסהאבן דאס מציאות און סענסיטיוויטעט פון די סארט פעלער, ווייל אן דעם קען מען נישט פסק'נען אין אזעלכע שווערע דיני נפשות.

ביי איינעם פון די 'קשר נפשי' שבתים, האב איך געכאפט א שמועס מיט איינעם פון די עסקנים, און ער האט מיר פארציילט א שטויגענדע געשיכטע וואס האט זיך אפגעשפילט מיט אפאר טעג פריער:

ער האט באקומען א רוף פון א טאטע, וועלכער האט געוויינט אויפן טעלעפאן אז ער ווייסט נישט וואס צו טון מיט זיין בחור, ומעשה שהיה כך היה: דער בחור האט זיך איינגעהאנדלט א כלי אין ישיבה, און געווארן ליידער צוגעבינדן דערצו מיט א שטארקער משיכה. די הנהלת הישיבה איז געוואויר געווארן דערפון, און מ'האט דעם בחור געגעבן אן אויסוואל, אדער דעם סמארטפאון אדער בלייבן אין ישיבה. פארשטייט זיך אז דער בחור האט נישט אויסגעקליבן ישיבה אלס זיין אפציע, און דער בחור האט אנגעהויבן צו פארוויילן און פוסטעווען זיינע נעכט און טעג אינאיינעם מיט זיין כלי.

פון דעם אליין איז שוין דער טאטע באלד גרוי געווארן, אבער דער טאטע האט באמת נישט געוואוסט עד היכן הדברים מגיעים, וואו דער מצב פון זיין בחור'ס אידישקייט האלט.

איין שבת צופרי, אין איינעם פון די לאקאלע בתי מדרשים אין שטאט וואו דער טאטע איז געווען א קביעות'דיגער מתפלל, האבן זיך באוויזן אינמיטן קריאת התורה צוויי פאליציי אפיצירן וואס זוכן אט דעם טאטן.

דער טאטע איז תיכף ארויסגעלאפן צו זיי איינגאנצן דערשראקן און פול מיט אנגסט, ווען די פאליציי אפיצירן ווייזן אים א בילד פון זיין זון. "איז דאס דיין זון?" פרעגן זיי אים מיט אן אפיציעלער שטימע. דער טאטע שטייט בלאס, קוים וואס ער האט געקענט ארויסזאגן "יא".

"אקעי", האבן זיי געזאגט. "ער איז יעצט אין שפיטאל, צוגעבינדן מיט קייטן צו זיין בעט, ער האט נעכטן נאכט געמאכט אן עקסידענט מיט א קאר און ער איז פארוואונדעט געווארן, און אזויווי דער קאר איז ווארשיינליך גע'גנב'עט, האלטן מיר אים אונטער ארעסט ווילאנג דו, דער טאטע, קומט אונטערשרייבן, ווייל דאס קינד איז נאכנישט קיין ערוואקסענער".

דער טאטע איז געשטאנען פארגליווערט, זיין זון, א מחלל שבת? געדרייווט א קאר פרייטאג צונאכטס,

◄

צוויי וואכן שפעטער, האבן מיר געשפירט ווי מיר זענען שוין גרייט דערפאר. מיר האבן אהיימגערופן יודא לייב

געמאכט אן עקסידענט... זיין קאפ האט געשווינדלט.

די ערשטע זאך וואס האט אים געברענט צו טון, איז אריבערלויפן אין פאליציי סטאנציע און אונטערשרייבן די נויטיגע דאקומענטן אז זיין זון זאל כאטש קענען באוועגן זיינע הענט. נעבעך, נאך אן עקסידענט, איינגאנצן צעשאסן, דארף ער נעבעך זיין געקייטלט?

אבער ס'איז דאך שבת קודש אויף דער וועלט, איז ער שנעל צוגעלאפן פרעגן דעם לאקאלן דיין דארט אין ביהמ"ד אויב ער מעג אונטערשרייבן.

דער דיין הייבט אן צו דן זיין אהער און אהין, "ס'איז פיקוח נפש?" פרעגט ער דעם פארלוירענעם טאטן. דער טאטע לויפט צו די פאליציי און פרעגט זיי אויב זיין זון קען 'סורוויווען' מיט די קייטן. "זיכער קען ער", ענטפערן זיי, "שטארבן גייט ער נישט...".

פיין, דער טאטע האט זיי געזאגט אז ער וועט אריבערקומען מוצאי שבת מסדר זיין אלע פאפירן.

ס'איז געווען א זומערדיגער שבת,

**"אדאנק דעם איד", האב איך געוויזן מיט דער האנט אויף הרב ראססעל, "איז מיין יודא לייב געווען דעם שמחת תורה ביים רבי'ן אויף די פארענטשעס**

און הערשט צען אזייגער ביינאכט, נאך מעריב און נאך הבדלה, האט זיך דער טאטע ארויסגעלאזט באפרייען זיין זון פון די קייטן און מסדר זיין אלע טעכנישע דעטאלן.

דער טאטע וויינט אויפן טעלעפאן צו דעם עסקן אז ער ווייסט נישט וואס צו טון, ווייל זינט די מעשה, טראצדעם וואס דער זון איז שוין אהיימגעקומען פון שפיטאל, האט זיך דער בחור פארשלאסן אין זיך. ס'איז שוין גאנצע אכט וואכן און ער האלט נישט ביים ארויסקומען פון בעט.

דער עסקן האט צוגעוויזן פאר דעם צעבראכענעם טאטן געטרייע וועמען צו רופן צו באקומען די ריכטיגע עצה ותושיה, אבער וואס ער האט מיר געוואלט ארויסברענגען, איז די נושא פון האבן א ריכטיגע דעת תורה וואס האט ארויס מיט א גרינטליכקייט די נושא.

דער דיין דארט אין שול וואס האט דן געווען די הלכה אויב מ'מעג יא אדער נישט אונטערשרייבן, האט בכלל נישט געזען די טיפקייט פון דער געשיכטע און דער מעסעדזש וואס דער בחור וועט ארויסנעמען דערפון. איך בין נישט קיין דיין, אבער אין די פוסקים איז דא א געטועכץ צי מ'מעג מחלל שבת זיין פאר פיקוח נפש פון א רוחניות'דיגער געפאר, א שטייגער אויב איינער גייט זיך שמד'ן ר"ל.

איך קען נישט אלע צדדי הלכה, אבער ס'איז זיכער אז ווען א דיין וואס האט באקאנטשאפט מיט אזעלכע פעלער וואלט געהערט אזא פראגע, וואלט ער פארשטאנען אז די תוצאות פון נישט לאזן א טאטן אהינגיין צו זיין זון און זיין אינאיינעם מיט אים אין אזעלכע שווערע אומשטענדן, קען אסאך מאל זיין א גזירת שמד, ווען דער בחור קען באקומען א טיפע שנאה אויף אידישקייט ח"ו.

**יודא לייב:** איך האב אמאל געהערט ווי א טאטע זאגט: "איך וואלט געטון אלעס אין דער וועלט אז מיין זון זאל אהיימקומען!" ווען רעדנדיג שפעטער מיט דעם זון, זאגט ער מיר אז ער וואלט זייער געוואלט אהיימגיין, אבער ער קען פשוט נישט.

דער בחור האט געליטן פון א שווערער אלקאהאל אדיקציע, און נאך עטליכע חדשים זיין ריין, איז ער אהיימקומען אויף א שבת בלויז צו טרעפן זיין טאטע אריינשמעקן אין א טייערן באטל וויין, "אהההה! לכבוד שבת". פאר דעם בחור איז דאס ממש געווען א סכנה, ער האט שוין כמה פעמים געשוועבט צווישן לעבן און טויט מיט זיין שטארקע צוגעבינדנקייט צו דעם ביטערן טראפן, און דא דארף ער אהיימקומען צו א פרישן געראנגל.

א דיין וואס פארשטייט נישט צו דער נושא, וועט דן זיין אהער אהין אין הלכות קידוש, אויב מ'קען יא יוצא זיין אן וויין צי נישט, ווען דער דיון איז נישט אין הלכות קידוש בכלל...

**ר' סענדער:** עטליכע וואכן צוריק האבן מיר געברענגט דעם באגאבטן מומחה און בעל דרשן הרב שמעון ראססעל פון ענגלאנד, ער זאל קומען רעדן אין קרית יואל פאר א גרופע עלטערן וואס מוטשענען זיך מיט אזעלכע סארט קינדער. ר' שמעון איז דער וואס האט ערפינדן דעם מהלך פון איינטיילן חינוך אין צוויי באזונדערע קאטעגאריעס פון 'נארמאלע חינוך' און 'קריזיס חינוך', וועלכע זענען צוויי אנדערע מסכתות אינגאנצן. מיר האבן געשפירט אז ס'איז לתועלת ער זאל אריינגיין אל הקודש פנימה צום סאטמארער רבי'ן שליט"א דא אין קרית יואל זיך באגריסן.

איך בין מיטגעגאנגען מיט אים צום רבי'ן, און ווען דער רבי האט געהערט אז דער איד שטייט אונטער דעם סוקסעס מיט אונזער יודא לייב, האט ער אויפגעלאכטן און זיך געפרייט צו זען ר' שמעון.

"דער רבי קען מיין יודא לייב", האב איך געזאגט פארן רבי'ן, אויף וואס דער רבי האט צוגעשאקלט מיטן קאפ, "אדאנק דעם איד", האב איך געוויזן מיט דער האנט אויף הרב ראססעל, "איז מיין יודא לייב געווען דעם שמחת תורה ביים רבי'ן אויף די פארענטשעס פון דער הקדמה ביז נאך דער צווייטער הקפה!" דער רבי האט געשמייכלט מיט הנאה.

"און דער רבי ווייסט ווילאנג די הקפות ביים רבי'ן געדויערט...", האב איך מיך ערלויבט צו ווערטלען. דער רבי האט שטארק הנאה געהאט און געהאט קורת רוח פון דעם גאנצן באזוך.

**יודא לייב:** שמחת תורה ביי די הקפות אויף די פארענטשעס איז פאר מיר א געוואלדיגע ערפארונג. איך שטיי ערשטוינט און פארגאפט פון דער הייליגער סצענע וואס שפילט זיך אפ פאר מיינע אויגן.

ווען מיין טאטע זאגט אז איך בין געווען שמחת תורה ביי די הקפות, האב איך עס נישט געטון ווייל איך שפיר אז איך וויל איינעם צוליב טון אדער זיך צו געפעלן פאר איינעם; איך האב הנאה געהאט יעדע מינוט פון זיין דארט.



**טאטע און זון אויפן פאדיום.** הרה"ח ר' סענדער ובנו יודא לייב אויפ'ן פאדיום ביי דער מלוה מלכה נאכ'ן גרויסן שבת 'קשר נפשי'

# טאטע און זון אויפן פאדיום

■ **אייער אויפטריט צוזאמען, טאטע און זון, ביי א מלוה מלכה דעם ווינטער פון 'קשר נפשי', האט צעשאקלט די הארץ סטרונעס פון אלע וועלכע האבן דאס מיטגעהאלטן. וואס איז די אויפטו פון זיך אויפשטעלן ביי אזא סארט שבת, ווען אין דער זעלבער צייט זענען דארט פארהאן עלטערן וועלכע האבן נאכנישט דעם געזונטן קשר מיט זייערע קינדער?**

**ר' סענדער:** עס ברענגט אריין א געוואלדיגע אינספיראציע און האפענונג אין אנדערע עלטערן. עלטערן קענען זען די פאזיטיווע תוצאות פון אקצעפטירן זייער קינד אזויווי ער איז.

ס'איז נישט אזוי ווייט וויפיל דאס קינד איז צוריקגעקומען – אויב בכלל, ס'איז איבער האבן א געזונטער און נאנטער קשר מיט די קינדער.

**יודא לייב:** איך קען באשטיין צוצולייגן מיינע פאר צענט אויף דער פראגע. איך האלט יעצט אינמיטן זיך לערנען סאציאלאגיע, מיטן ציל צו ווערן א 'סאושעל ווארקער'. א סאושעל ווארקער איז לאו דוקא א טעראפיסט, דער עכטער אפטייטש איז מער אזויווי אן עסקן. מ'קען גראדע אויך נוצן סאושעל ווארק אין טעראפי, וואס דאס מאכט אז רוב היימישע טעראפיסטן זענען סאושעל ווארקערס, אבער בעצם איז עס די פאך פון קענען אלע סארט סאציאלע סיסטעמען און סתם איבער די מענטשליכע מחשבות און אויפפירונגען.

איינע פון די אינטערעסאנטע זאכן וואס איז מיר אויסגעקומען צו לערנען, איז איבער אן אינטערעסאנטער שטודיע וואס איז געווארן דורכגעפירט מיט דער צוזאמענארבעט פון גאר אסאך פארשער. די פארשער האבן זיך צוזאמגענומען און דורכגעטון טויזנטער שטיקער דאטא פון אסאך סארטן פראבלעמען און פון פארשידענע סארטן טעכניקן וואס איז גענוצט געווארן צו היילן די פראבלעמען. זיי האבן געוואלט זען אויב ס'איז דא עפעס א טעכניק, אדער סיטואציע, וואס גיבט מער שאנסן פאר א מענטש ארויסצוקריכן פון זיינע פראבלעמען, און אויב יא, צי איז פארהאן א צד השוה וואס פאראייניגט אלע עצות און מיטלען.

נאכן דורכטון הונדערטער טויזנטער טעקעס פון אינפארמאציע איבער צענדליגער סארטן מאטערנישן וואס פלאגט די מענטשהייט, האט זיך ארויסגעשטעלט אזא בילד: אלע וואס האבן געהאט 'סופארט', האבן געקענט דורכמאכן זייערע ראנגלענישן און מאטערנישן מיט ערפאלג; דאקעגן די וועלכע האבן אנגעהויבן היילן זייערע פראבלעמען אן די ריכטיגע שטיצע, האבן ממש גאר ווייניג מצליח געווען!

'סופארט' מיינט א קומה שלימה פון א 'סופארט סיסטעם'. למשל, א מענטש וואס מוטשעט זיך מיט שלעכטע געוואוינהייטן, האט מען געזען אז ער דארף האבן אנדערע מענטשן וואס ליידן אויך פון אדיקציעס, און אינאיינעם מיט א גרופע צוזאמען, באקומט ער די נויטיגע שטארקייט און חיזוק אנצוגיין.

אונז אידן, האבן די גרעסטע און שטערקסטע 'סופארט סיסטעם' אין




**א טאטע בלייבט א טאטע.** ביי דער רידנדער אויפטריט פון הרה"ח ר' סענדער שיחי' מוצאי שבת 'קשר נפשי'

דער גאנצער וועלט. איך זאג דיר עס אלס איינער וואס האט שוין דורכגעטון צענדליגער אויב נישט הונדערטער סאציאלע סיסטעמען, און די אידישע סופארט סיסטעמען, בפרט די היימישע, זענען די סאמע בעסטע וואס די וועלט פארמאגט.

איך רעד אסאך מאל מיט פראפעסארן, וואס ווען זיי ווערן געוואויר אז איך קום פון קרית יואל, שפרינגען זיי ממש אונטער. זיי זענען שוין געזעצן שעות און שטודירט אונזער קולטור, וואס ווערט אנגערופן א 'מיקרא-קולטור' צוליב דעם וואס מיר זענען א קולטור אינערהאלב א צווייטער קולטור. ווען זיי באגעגענען א יליד קרית יואל, ווערן זיי זייער איבערגענומען און זיי קענען נישט אויפהערן ווארפן פראגעס וועלנדיג טיפער פארשטיין אונזער לעבנסשטייגער.

באמת ווען מ'טראכט אריין, איז טאקע שווער צו פארשטיין. מיר אידן האבן אויפגעשטעלט ריזיגע שטעט וואו בלויז אונזער געמיינדע וואוינט, אן קיין שום פלאנירונג פון כארדעם. נעם א שטייגער קרית יואל, דער גוי קען זיך נישט גענוג אפוואונדערן וויאזוי מ'בויט אויף א גאנצע שטאט וואו יעדער איינער דארט פירט זיך ערליך דאס זעלבע, און דעם וואס א פרעמדער גוי זאל זיך אריינרוקן דארט. ס'איז ממש פלאי פלאים...

וואס איך וויל ארויסברענגען דערמיט איז, אז היינט, ווען א בחור אדער מיידל לאזט ח"ו איבער דיווארעמע היים פון די עלטערן, אויטאמאטיש פארלירן זיי גלייך אלע בענעפיטן פון די געוואלדיגע סופארט סיסטעמען וואס מיר האבן אויפגעשטעלט. ער/זי פארלירט שטיצע פון דער משפחה – וועלכע איז דער פונדאמענט פון סופארט בכלל; מ'פארלירט דעם שטאנד צווישן אלע ארומיגע; און אסאך מאל קען מען אפילו דערלייגן פשוטע פיזישע געברויכן ווי עסן, טרינקען און א דאך איבערן קאפ.

איך האב זיך באגעגנט דורכאויס מיינע חדשים אין פלארידע, מיט קינדער וואס זענען יעדן איינציגן טאג געשטאנען ביי דער שוועל פון פולקאמע צוזאמבראך. בחורים'לעך אינגאנצן פארטייבט אויף שעדליכע געווירצן אדער אלקאהאל נישט וויסנדיג וואס דער קומענדיגער טאג וועט זיי ברענגען, אדער קענען זיי ח"ו אויסגיין פאר הונגער ווייל זיי האבן שוין נישט געגעסן פאר דריי טעג.

די אלע מענטשן זענען אין טיפער פיין. זיי זענען געווארן אנדערש, און זיי האבן תיכף פארלוירן זייערע אלע בענעפיטן וואס אונזער סיסטעם האט געהאט פארצושלאגן פאר זיי, א שטייגער ווי די געשמאקע קוואליטעט פאמיליע לעבן וואס אונז אידן האבן, און די אנגענומענקייט פון אונזער פריינטליכע געזעלשאפט.

ווען מען פארלירט די בענעפיטן, פירט עס אויטאמאטיש צו ווייטאג און איזאלאציע און אפילו פיינטשאפט און דערווייטערונג. די אלע צעבראכענע בחורים און מיידלעך דארפן איין זאך אז זיי זאלן קענען ווייטער אנגיין מיט זייער לעבן און נישט אויסגיין ח"ו: סופארט. חיזוק. שטיצע.

מיטן זיך אויפשטעלן רעדן ביי 'קשר נפשי', האב איך געוואלט אויסשרייען

צו די אלע קינדער וואס זענען פארפאלן ערגעצוואו אין דער וועלט און זיי הונגערן פאר אביסל שטיצע, ארויסצוגיין פון זייערע טונקעלע מצבים, און אנטפלעקן אז ס'איז יא דא שטיצע. מ'קען עס באווייזן, והא ראיה אז איך האב עס באוויזן, און איך האב א געזונטע געשמאקע באציאונג מיט מיינע עלטערן.

נאך דעם אויפטריט, האב איך טאקע געהאט אסאך בחורים וואס האבן זיך פארבינדן און אנגעקניפט באציאונגען מיט מיר, מיט א רצון אנצוהייבן צוריק באנייען דעם קשר מיט זייערע עלטערן.

**■ ביי דעם אויפטריט האסטו ארויסגעברענגט אז דו נוצסט דיין לעבנס-ערפארונג צו העלפן אנדערע וואס זענען אין די זעלבע אומשטענדן ווי דיר. קענסטו אונז מיטטיילן מער דערוועגן?**

זיכער. ווי געשמועסט, לערן איך יעצט סאציאלאגיע, אבער אין צוגאב צו דעם בין איך געווארן א 'פיער ספעציאליסט' (Peer Specialist). דאס איז א סערטיפיקאציע פון דעם סטעיט אז דער מענטש איז אריבערגעגאנגען א געוויסע לעבנס שוועריקייט און ער איז עס סוקסעספול איבערגעקומען.

עס זענען דא אסאך קליינע און גרויסע דעטאלן געניי וויאזוי מ'ווערט סערטיפייד, און געניי וואס מ'דארף וויסן. צווישן אונז חרדישע אידן זענען נישט פארהאן קיין סאך וואס טראגן דעם טיטל, איך ווייס פון בלויז פינף אידן וואס זענען פיער ספעציאליסטן.

אין דער ישיבה וועלט, איז דא א שטענדיגע "מלחמה" צווישן די טעראפיסטן מיט די יונגעלייט וואס לערנען צו מיט בחורים וואס דארפן הילף. די טעראפיסטן שרייען אז די יונגעלייט זענען נישט קיין מומחים און זיי מאכן מער שאדן ווי אויפטו, און דערנאך קומט צו דער פאקט אז ארבעטנדיג אויף דער אייגענער האנט אנשטאט אין א פראפעסיאנאלן קליניק, קענען זיי נישט נעמען קיין אחריות אויף די אקטן וואס זיי טוען.

פון דער אנדערער זייט, געפינט זיך א יונגערמאן וואס לערנט צו מיט א בחור, אויף א מער אוועקגעשטעלטער פאזיציע צו העלפן אנדערע, ווייל ער האט דעם נאטירליכן צוגאנג פון א חבר, אנדערש ווי א טעראפיסט וואס פארמאגט מער אן איינגעהאלטענע באציאונג.

דאס איז א חלל וואס איך ארבעט שטארק אנצופולן. אלס 'פיער ספעציאליסט', בין איך סיי דא מיט דעם צוגאנג פון א חבר, און סיי גייט מען אריבער א סעריע טרענירונגען וואס העלפן זיין פראפעסיאנאל און וויסן פונקטליך וואס מ'טוט, וואו איין און וואו אויס.

איך האב קליענטן וואס קומען צו מיר, בחורים וואס אלע האבן שוין אויפגעגבן האפענונג אויף זיי, טייל זענען שוין אפילו געשטאנען איין טריט אוועק פון דאס ארגסטע ה"י, און צו מיר קומען זיי אן מיט דעם צוגאנג פון א חבר, און נישט אלס א פראפעסיאנאלער באציאונג ווי א טעראפיסט.

איך באזיץ שוין א היפשע פאר יאר ערפארונג אין דעם פעלד פון מענטל העלט, און זייענדיג א 'פיער ספעציאליסט', אינאיינעם מיט מיינע איבערלעבענישן פון פריער און די טרענירונג וואס איך גיי יעצט אריבער, האב איך אנגעהויבן זען א שטארקע הצלחה מיט מיינע קליענטן, שווימענדיג צווישןביידע פראפעסיעס – חבר און טעראפיסט.

## ס'איז דא הילף!

**צום שלוס, טוט ר' סענדער ארויסברענגען זיינע פאר ווערטער צו עלטערן אין דעם זעלבן מצב ווי אים:** ס'איז דא הילף, און ס'איז גרינג צו טרעפן הילף. זוך עס נאר אויף, וועסטו עס טרעפן.

אנשטאט זען וואס מיין קינד טוט נישט, זע איך וואס ער טוט יא. איך זע זיין לויטערע זעל און ריינע נשמה – דער חלק אלוק ממעל.

איך געדענק נאך ווען איך בין געווען אין א געשטיקטן מצב אן זוכן סיי וואספארא הילף. איך וויל אפעלירן צו אלע עלטערן וואס האבן שוועריקייטן מיט זייערע באציאונגען צו די קינדער, צו נעמען קוראזשפולע שריט און גיין העלפן זיך מיט זייערע קינדער אינאיינעם.

**יודא לייב:** איך האף אז קינדער אין אזעלכע אומשטענדן וואס זענען און גייען אריבער די זעלבע סארט שוועריקייטן אזוויי מיר, וועלן ארויסנעמען דערפון א לעקציע צו וויסן אז ס'איז נאך דא האפענונג, און אויך דו, קענסט אויסהיילן דיינע פראבלעמען און באציאונגען מיט דיינע עלטערן. שטרעק אויס דיין האנט פאר הילף און שטיצע, וועט מען דיר נישט לאזן פאלן. ■



אב ובנו. ביי אונזער שמועס פאר'ן 'מאָמענט' מיט טאטע און זון

> **מיטן זיך אויפשטעלן רעדן האב איך געוואלט אויסשרייען צו די אלע וואס זענען פארפאלן ערגעצוואו אין דער וועלט און הונגערן פאר אביסל שטיצע**

# דרייצן שליסלע צום ווייסן הויז

פרעזידענטליכע וואלן איז עפעס וואס איז פארגעקומען יעדע פיר יאר אין די פאראייניגטע שטאטן דורכאויס איר 248 יעריגע היסטאריע. אפגעזען אין וואספארא מצב דאס לאנד האלט, אין פרידנס צייטן אדער אין קריג, גייט אמעריקע צו די שטים בודקעס אין א דינסטאג וואס געפאלט צווישן נאוועמבער 2 און 8, און יעדע פיר יאר, אום יאנואר דעם צוואנציגסטן, ווערט א פרעזידענט איינגעשוואוירן פארנט פון דער קעפיטאל געביידע.

אין דער צייט וואס פרעזידענטליכע וואלן איז אן ערנסטע זאך מיט שטארקע קאנסעקווענצן, – באשטימענדיג ווער עס וועט זיין דער פירער פון דער פרייער וועלט פאר די קומענדיגע פיר יאר – פארקערפערט עס אויך אין זיך נאך חלקים. אין א ־וועג קען מען אנקוקן וואלן ווי א "קאלער-וואר" פאר ערוואקסענע; דאס לאנד איז צעטיילט אין צוויי, און יעדער ווארט מיט שפאנונג צו זען ווער עס וועט זיין דער זיגער.

אויב אין די ערשטע צענדליגער יארן נאך וואס די פאראייניגטע שטאטן איז געגרינדעט געווארן, איז געווען אנגענומען ארומצוגיין און קאמפיינען (איר קענט גלייבן?), רעדט מען היינט פון א גענצליך אנדערע געשיכטע. פון נישט צו לאנג נאך די מידטוירם וואלן, וועט שוין דאס לאנד קאכן און זידן איבער ווער עס זאל זיין איר קומענדיגער פירער.

שווערע ביליאנען דאלארן ווערן אריינגעגאסן דורך די קאנדידאטן, זייערע קאמפיינען און פארטייען, זיי ארויסצוהעלפן צו ווערן ערוועלט צום ווייסן הויז. נאך שווערע ביליאנען דאלארן גייען אריין אין מידיא, אינטערוויוס, דעבאטעס און נייעס דעקונג פון די פרעזידענטליכע פארמעסטן.

איינער פון די פלעצער וואו די גרויסע מידיא נעצן פארשוועגדן גרויסע געלטער, און נישט בחינם, איז אין די פילצאליגע אנקעטעס וועלכע ווערן גענומען חדשים, און אפילו יארן, פאר די וואלן. די אורזאך פארוואס זיי מאכן אזויפיל אנקעטעס, איז פשוט ווייל מיר זענען אינטערעסירט